בְּעֶזְרַת הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ

גִּלָּיוֹן

# שִׁיעוּרֵי חִינוּךְ

אִידִישׁ

פוּנֶעם רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א

פְּרַאקְטִישֶׁע עֵצוֹת אוּן הַדְרָכוֹת פַאר עֶלְטֶערְן, מְלַמְּדִים, מְחַנְּכִים אוּן מְחַנְּכוֹת

מוסדות היכל הקודש ברסלב

גליון קמ"ח

פרשת ויקרא שנת תשפ"ו

## שִׁיעוּרִים אִין חִינוּךְ

פוּנֶעם רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א

### - סַבְלָנוּת צוּ עֶלְטֶערְן -

#### סַבְלָנוּת צוּ עֶלְטֶערְן וָואס זֶענֶען כְּפוּיֵי טוֹבָה

אַסַאךְ מָאל קֶענֶען מְחַנְּכִים וֶוערְן זֵייעֶר צֶעבְּרָאכְן פוּן דֶעם וָואס מֶען אַרְבֶּעט זֵייעֶר שְׁוֶוער מִיט קִינְדֶער אוּן דִי עֶלְטֶערְן אַנֶערְקֶענֶען נִישְׁט אִין דִי שְׁוֶוערֶע אַרְבֶּעט. מֶען פְּרוּבִּירְט אַכְטוּנְג צוּ גֶעבְּן אוֹיף יֶעדְן קִינְד, אוֹיפְבּוֹיעֶן יֶעדְן קִינְד, גֶעבְּן גוּטֶע וֶוערְטֶער פַאר יֶעדְן קִינְד, אוּן שְׁפֶּעטֶער הַאלְטְן עֶלְטֶערְן פָאר: **"פַארְוָואס שְׁטֶעלְסְטוּ נִישְׁט מַיין קִינְד אַלְס גַבְּאַי?" "פַארְוָואס הָאסְטוּ גֶעשְׁרִיגְן נָאר אוֹיף מַיין קִינְד וֶוען בֵּיידֶע קִינְדֶער זֶענֶען גֶעוֶוען שׁוּלְדִיג?!" "פַארְוָואס הָאסְטוּ נִישְׁט אוֹיסְגֶעוֶועלְט מַיין קִינְד זָאל זַיין דֶער פּוּרִים רָב?!"** אוּן מֶען טְרַאכְט צוּ זִיךְ: 'דָאס צָאלְסְטוּ מִיר צוּרִיק פַארְן זִיךְ אִיבֶּערְגֶעבְּן אַזוֹי גֶעטְרֵיי צוּ דַיין קִינְד?!'

זָאל מֶען וִויסְן אַז אַזוֹי גֵייט עֶס, עֶס אִיז זֵייעֶר אַ זֶעלְטֶענֶע זַאךְ אַז אֵיינֶער זָאל צוּקוּמֶען גֶעבְּן אַ גוּט וָוארְט, מֶער עֶלְטֶערְן גֶעבְּן קְרִיטִיק אוּן קוּמֶען שְׁטֶענְדִיג מִיט טַעֲנוֹת, אוּן מֶען טָאר עֶס נִישְׁט נֶעמֶען פֶּערְזֶענְלִיךְ צוּם הַארְצְן.

אוֹיף מֹשֶׁה רַבֵּינוּ הָאבְּן דִי אִידְן אוֹיךְ אַלְץ גֶעהַאט טַעֲנוֹת אוּן קְרִיטִיק, אֵיי מֹשֶׁה רַבֵּינוּ הָאט דָאךְ אַרוֹיסְגֶעצוֹיגְן דִי אִידְן פוּן מִצְרַיִם, אוּן זֵיי גֶעגֶעבְּן אַלֶעס גוּטְס; מָן פוּן הִימְל, עֲנָנֵי הַכָּבוֹד וָואס הָאט זֵיי גֶעוַואשְׁן דִי וֶועשׁ אוּן גֶעמַאכְט גֶעשְׁמַאק דִי וֶועג אִין מִדְבָּר, מֶען הָאט גֶעשְׁפִּירְט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, גֶעזֶען יֶעדְן טָאג נִיסִים אוּן וָואס נִישְׁט... פְּלוּצְלִינְג עֶפֶּעס גֵייט נִישְׁט וִוי אַזוֹי מֶען טְרַאכְט - שְׁרֵייט מֶען אוֹיף אִים? וִוי אִיז נָאךְ דָא אַ גְרֶעסֶערֶע כְּפוּי טוֹבָה פוּן דֶעם?! אָבֶּער מֹשֶׁה רַבֵּינוּ אִיז נִישְׁט גֶעוָוארְן שְׁוַואךְ צוּלִיבּ דֶעם, עֶר הָאט גֶעוואוּסְט אַז אַזוֹי גֵייט עֶס, וֶוער עֶס טוּט מִיט אִידִישֶׁע קִינְדֶער דַארְף זַיין גְרֵייט אַז עֶר וֶועט צוּרִיק כַאפְּן שְׁטֵיינֶער וְכוּ'. וִוי רַשִׁ"י זָאגְט (בַּמִּדְבָּר יא, יז, דִּבּוּר הַמַּתְחִיל וְנָשְׂאוּ אִתְּךָ): וֶוען דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט גֶעזָאגְט פַאר מֹשֶׁה רַבֵּינוּ עֶר זָאל אוֹיפְנֶעמֶען דִי זִיבֶּעצִיג זְקֵנִים, הָאט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער גֶעזָאגְט: **"הַתְנֵה עִמָּהֶם עַל מְנָת שֶׁיְקַבְּלוּ עֲלֵיהֶם טֹרַח בָּנַי, שֶׁהֵם טַרְחָנִים וְסַרְבָנִים"**, נֶעם זִיךְ אוֹיס מִיט זֵיי אַז זֵיי זָאלְן וִויסְן אִין וָואס זֵיי גֵייעֶן אַרַיין, זֵיי זָאלְן וִויסְן אַז זֵיי טוּעֶן דָאס עַל מְנַת אַז דִי אִידְן וֶועלְן זֵיי מַטְרִיחַ זַיין אוּן וִוידֶערְשְׁפֶּענִיגְן אִין זֵיי.

#### וָואס זָאל מֶען טוּן וֶוען עֶלְטֶערְן רוּפְן אָן אִין פָּארְנְט פוּנֶעם קִינְד?

אֲפִילוּ אוֹיבּ עֶלְטֶערְן רוּפְט אָן מִיט טַעֲנוֹת אוּן זָאגְן: **"מַיין קִינְד וֵויינְט אַז דוּ הָאסְט אִים נִישְׁט לִיבּ"**; וֶוער רֶעדְט נָאךְ אוֹיבּ דִי עֶלְטֶערְן רוּפְן אִינְאֵיינֶעם מִיטְן קִינְד, זֵיי זָאגְן: **"אִיךְ בִּין דָא אוֹיפְן טֶעלֶעפָאן צוּזַאמֶען מִיט מַיין קִינְד, אִיךְ וִויל פַארְשְׁטֵיין פַארְוָואס דוּ הָאסְט אִים נִישְׁט לִיבּ, פַארְוָואס הָאסְטוּ גֶעטוּן אַזוֹי אוּן אַזוֹי?"** טָאר מֶען דָאס נִישְׁט נֶעמֶען פֶּערְזֶענְלִיךְ צוּם הַארְצְן, מֶען טָאר נִישְׁט אַרַיינְגֵיין אִין אַ קְרִיגֶערֵיי מִיט דִי עֶלְטֶערְן, אוּן מֶען זָאל נִישְׁט רוּפְן דֶעם מְנַהֵל אָדֶער דִי מְנַהֶלֶת זָאגְן: **"אִיךְ קוּם מֶער נִישְׁט צוּרִיק מָארְגְן, אִיךְ זֶע נִישְׁט קַיין שׁוּם סִיבָּה צוּ קוּמֶען צוּ דִי קִינְדֶער - וֶוען דִי עֶלְטֶערְן זֶענֶען אַ בַּאנְדֶע כְּפוּיֵי טוֹבָה"**. אַנְשְׁטָאט דֶעם זָאל מֶען עֶנְטְפֶערְן פַאר דִי עֶלְטֶערְן: **"אִיךְ הָאבּ זֵייעֶר לִיבּ דָאס קִינְד, מָארְגְן וֶועט מֶען זֶען וָואס מֶען קֶען בֶּעסֶער מַאכְן"**.

#### מַאכְן שְׁפִּירְן דִי עֶלְטֶערְן אַז מֶען פַארְשְׁטֵייט זֵיי אוּן מֶען שֶׁעצְט זֵיי

מוֹהֲרָא"שׁ הָאט מִיר אַמָאל גֶעשְׁרִיבְּן אַ בְּרִיוו וָואס אִיךְ טְרַאכְט אַז דָאס קֶען זַיין שְׁטַארְקֶע חִיזוּק וֶוען מֶען הַאנְקֶערְט זִיךְ אָן מִיט עֶלְטֶערְן וָואס אַנֶערְקֶענֶען נִישְׁט אִין דִי שְׁוֶוערֶע אַרְבֶּעט.

מוֹהֲרָא"שׁ שְׁרַייבְּט מִיר אִינֶעם בְּרִיוו (אֲשֶׁר בְּנַחַל אִידִישׁ, חֵלֶק ג, מִכְתָּב רנ): **"קוּק וִוי דוּ הָאסְט גֶעדוּלְד צוּ דִי בָּחוּרִים, (וָואס וֶוער עֶס אַרְבֶּעט מִיט בָּחוּרִים וֵוייסְט וִוי שְׁוֶוער עֶס אִיז צוּ לַיידְן דִי וֶועג וִוי אַזוֹי בָּחוּרִים פִירְן זִיךְ מִיט אַלֶע זֵייעֶרֶע שִׁגְיוֹנוֹת וָואס זֵיי טַאנְצְן אוֹיף טִישְׁן אוּן גִיסְן אוֹיס מִילְךְ אוֹיף דֶער עֶרְד וְכוּ'), פוּנְדֶעסְטְוֶועגְן קֶענְסְטוּ אִין זֵיי אַרַיינְשַׁיינֶען אַז זֵיי זָאלְן לֶערְנֶען מִשְׁנַיוֹת אוּן גְמָרָא, אוּן דוּ שְׁרַייבְּסְט מִיר אַז צְוֵויי בָּחוּרִים הָאבְּן שׁוֹין גֶעעֶנְדִיגְט הוּנְדֶערְט אוּן אֵיין מָאל שִׁשָּׁה סִדְרֵי מִשְׁנָה, וָואס דָאס אִיז אַ וואוּנְדֶערְלִיכֶע גוּזְמָא, פוּן דֶעסְט וֶועגְן הָאבְּן זֵיי דָאס בַּאוִויזְן אַ דַאנְק דַיין גֶעדוּלְד וָואס דוּ הָאסְט גֶעהַאט צוּ זֵיי, עַל אַחַת כַּמָה וְכַמָּה זָאלְסְטוּ הָאבְּן גֶעדוּלְד צוּ דַיינֶע חֲבֵרִים טֵייעֶרֶע אִינְגֶעלַייט, וָואס זֵיי זֶענֶען אוֹיךְ צֶעבְּרָאכֶענֶע נְשָׁמוֹת אוּן זֵיי דַארְפְן פָּשׁוּט אַבִּיסְל אוֹיפְמֶערְקְזַאמְקֵייט"**.

דָאס אִיז שְׁטַארְקֶע חִיזוּק פַאר מְחַנְּכִים צוּ פַארְשְׁטֵיין, אַז פּוּנְקְט וִוי מֶען דַארְף הָאבְּן גֶעדוּלְד פַאר קִינְדֶער, אוּן יֶעדֶער פַארְשְׁטֵייט גַאנְץ גוּט אַז אוֹיבּ קִינְדֶער שְׁמוּעֶסְן צְוִוישְׁן זִיךְ אוֹיף זֵיי: **"דֶער רֶבִּי נִישְׁט קַיין גוּטֶער רֶבִּי", "דִי**

**לֶערֶערִין אִיז נִישְׁט קַיין גוּטֶע לֶערֶערִין", "אִיךְ הָאבּ נִישְׁט לִיבּ דֶער רֶבִּי", "אִיךְ הָאבּ נִישְׁט לִיבּ דִי לֶערֶערִין"**, אָדֶער אוֹיבּ קִינְדֶער מַאכְן אַ פַאקְס הִינְטֶער זֵיי, - וֶועט מֶען עֶס נִישְׁט נֶעמֶען צוּם הַארְצְן אוּן בַּאשְׁלִיסְן זֵיי אַרוֹיסְצוּשִׁיקְן פוּן כִּתָּה, וַוייל מֶען וֶועט פַארְשְׁטֵיין אַז זֵיי זֶענֶען סַךְ הַכֹּל קִינְדֶער, אוּן וֶוען מִיר זֶענֶען גֶעוֶוען קִינְדֶער הָאבְּן מִיר אוֹיךְ אַזוֹי גֶערֶעדְט אוּן זִיךְ אַזוֹי אוֹיפְגֶעפִירְט צוּ אוּנְזֶערֶע מְחַנְּכִים, אוּן מִיר הָאבְּן גָארְנִישְׁט גֶעמֵיינְט דֶערְמִיט, וַוייל דָאס אִיז דֶער קִינְדֶער שְׁפְּרַאךְ, עֶס אִיז אֲפִילוּ נִישְׁט קַיין חוּצְפָּה.

דָאס זֶעלְבֶּע דַארְף מֶען הָאבְּן גֶעדוּלְד צוּ שְׁוֶוערֶע עֶלְטֶערְן וָואס הַאלְטְן פָאר אוֹיף זַאכְן וָואס הָאבְּן פַּאסִירְט אִין כִּתָּה; מֶען זָאל וִויסְן אַז בֶּאֱמֶת מֵיינֶען דִי עֶלְטֶערְן גָארְנִישְׁט קַיין שְׁלֶעכְטְס, נָאר זֵיי דַארְפְן פָּשׁוּט אַבִּיסְל אוֹיפְמֶערְקְזַאמְקֵייט, זֵיי ווִילְן שְׁפִּירְן אַז מֶען פַארְשְׁטֵייט זֵיי אוּן מֶען שֶׁעצְט זֵיי.

## אוֹיף דֶרֶךְ אֶרֶץ דַארְף מֶען זִיךְ אוּמְגֵיין מִיטְן גַאנְצְן חוֹמֶר הַדִין

דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (סֵפֶר הַמִּדּוֹת אוֹת בָּנִים חֵלֶק א', סִימָן סד): **"צָרִיךְ לְלַמֵּד אֶת הַתִּינוֹק דֶּרֶךְ אֶרֶץ מִנְּעוּרָיו"**, מֶען דַארְף אוֹיסְלֶערְנֶען קִינְדֶער זֵיי זָאלְן הָאבְּן דֶרֶךְ אֶרֶץ אוּן גוּטֶע מִידּוֹת פוּן וֶוען זֵיי זֶענֶען נָאךְ יוּנְג.

אוֹיבּ אַ קִינְד טוּט אַן אָפֶענֶע חוּצְפָּה אִין פָארְנְט פוּנֶעם מְחַנֵּךְ, טָאר נִישְׁט עֶקְזִיסְטִירְן קַיין שׁוּם פַארְהַאנְדְלוּנְגֶען אוֹיף דֶעם, מֶען מוּז אוֹיסְלֶערְנֶען דָאס קִינְד אַז מֶען דַארְף זִיךְ אוֹיפְפִירְן מִיט דֶרֶךְ אֶרֶץ צוּ אַ מְלַמֵּד אוּן צוּ אַ לֶערֶערִין.

אִיךְ זָאג אַלְץ פַאר דִי מְלַמְּדִים פוּן מַיינֶע קִינְדֶער: **"דַארְפְסְט מִיר נִישְׁט דֶערְצֵיילְן יֶעדֶע זַאךְ וָואס מַיין קִינְד הָאט גֶעטוּן, אָבֶּער אוֹיבּ מַיין קִינְד פִירְט זִיךְ אוֹיף נִישְׁט מִיט דֶרֶךְ אֶרֶץ - זָאלְסְטוּ מִיר גְלַייךְ קוּמֶען זָאגְן, אוּן אִיךְ וֶועל זִיךְ אוּמְגֵיין מִיט אִים מִיטְן גַאנְצְן חוֹמֶר הַדִין, וַוייל אִיךְ ווִיל נִישְׁט עֶר זָאל שְׁפֶּעטֶער קוּמֶען צוּ מִיר מִיט טַעֲנוֹת פַארְוָואס אִיךְ הָאבּ זִיךְ נִישְׁט ווִיסְנְדִיג גֶעמַאכְט וֶוען אִיךְ הָאבּ גֶעהֶערְט אַז עֶר פִירְט זִיךְ נִישְׁט אוֹיף מִיט דֶרֶךְ אֶרֶץ"**.

וֶוען אִיךְ בִּין גֶעוֶוען אַ קִינְד הָאט מִיר מַיין מַאמֶע תְּחִיֶ' דֶערְצֵיילְט זֵייעֶר אַסַאךְ מָאל אַ מַעֲשֶׂה, וָואס עֶס קֶען זַיין אַז דִי הַיינְטִיגֶע פַארְדְרֵייטֶע טֶערָאפִּיסְטְן לָאזְן דָאס נִישְׁט דֶערְצֵיילְן, וַוייל דִי מַעֲשֶׂה קֶען אִיבֶּערְלָאזְן פְּחָדִים (טְרַאוּמֶע) אִין אַ קִינְד... אָבֶּער אַמָאל הָאט מֶען דָאס דֶערְצֵיילְט פַאר דִי קִינְדֶער; אוּן מַיין מַאמֶע הָאט מִיר גֶעזָאגְט אַז זִי הָאט נָאךְ גֶעהֶערְט דִי מַעֲשֶׂה פוּן אִיר מַאמֶע עָלֶיהָ הַשָּׁלוֹם: מֶען הָאט אַמָאל גֶעכַאפְּט אַ גוֹי וָואס אִיז גֶעוֶוען אַ גְרוֹיסֶער גַנָב, אוּן מֶען הָאט גֶע'פַּסְקְ'נְט אַז מֶען גֵייט אִים הֶענְגֶען. וֶוען מֶען הָאט אִים גֶעטְרָאגְן צוּם הֶענְגֶען זֶענֶען אַלֶע גוֹיִם גֶעקוּמֶען קוּקְן ווִי מֶען גֵייט אִים הֶענְגֶען, אַזוֹי ווִי עֶס אִיז גֶעוֶוען אַמָאלִיגֶע צַייטְן דֶער סֵדֶר אַז מֶען הָאט צוּזַאמְגֶערוּפְן דִי גַאנְצֶע שְׁטָאט צוּ זֶען וֶוען מֶען הֶענְגְט אוֹיף אַ גַנָב, כְּדֵי יֶעדֶער זָאל זִיךְ אָפְּלֶערְנֶען נִישְׁט צוּ גַנְבְ'עֶנֶען; אוֹיךְ דֶער קֶענִיג אִיז גֶעקוּמֶען.

אֵיידֶער מֶען הָאט אִים גֶעוָואלְט אוֹיפְהֶענְגֶען הָאט דֶער גַנָב גֶעבֶּעטְן בַּיים אָפִּיצִיר וָואס אִיז גֶעוֶוען פַארְאַנְטְוָוארְטְלִיךְ אִים צוּ הֶענְגֶען, עֶר זָאל אִים גֶעבְּן נָאךְ אֵיין מִינוּט, עֶר ווִיל זָאגְן זַיין לֶעצְטֶע וואוּנְטְשׁ פַאר זַיין מַאמֶע - וָואס עֶר אִיז גֶעוֶוען צֶעקְרִיגְט מִיט אִיר אַלֶע יָארְן, הָאט עֶר אִים גֶעגֶעבְּן רְשׁוּת צוּ רֶעדְן צוּ זַיין מַאמֶע. אַזוֹי ווִי עֶר אִיז דָאךְ שׁוֹין גֶעוֶוען צוּגֶעבִּינְדְן מִיטְן שְׁטְרִיק אוֹיפְן הַאלְז הָאט עֶר זִיךְ נִישְׁט גֶעקֶענְט רִירְן, הָאט מֶען אַרוֹיפְגֶעבְּרֶענְגְט זַיין מַאמֶע אוֹיפְן הוֹיכְן בִּימָה זִי זָאל קוּמֶען צוּ אִים הֶערְן וָואס זַיין לֶעצְטֶע וואוּנְטְשׁ אִיז.

דִי מַאמֶע קוּמְט אַרוֹיף, אוּן דֶער גַנָב רוּפְט זִיךְ אָן צוּ זַיין מַאמֶע: **"קוּם נֶענְטֶער צוּ מִיר"**, **"קוּם נָאךְ נֶענְטֶער"**, וֶוען זִי אִיז שׁוֹין גֶעשְׁטַאנֶען מַמָּשׁ נֶעבְּן אִים, הָאט עֶר גֶעגֶעבְּן אַ כַאפּ אָן זַיין מַאמֶע'ס קָאפּ אוּן גֶעגֶעבְּן אַ בַּייס אַרָאפּ אִיר אוֹיעֶר אוּן עֶס אִינְגַאנְצְן אַרָאפְּגֶערִיסְן. זַיין מַאמֶע הָאט פוּן גְרוֹיס וֵוייטָאג גֶעגֶעבְּן אַ שְׁרֵיי, אוּן זִי הָאט גֶע'חַלֶשְׁ'ט אוֹיפְן פְּלַאץ.

אַלֶע פַארְזַאמֶעלְטֶע זֶענֶען גֶעשְׁטַאנֶען דֶערְשִׁיטֶערְט אוּן פַארְוואוּנְדֶערְט פוּן וָואס זֵיי הָאבְּן גֶעזֶען פַאר זֵייעֶרֶע אוֹיגְן, אוּן דֶער אָפִּיצִיר פְרֶעגְט דֶעם גוֹי: "וָואס הָאסְטוּ גֶעטוּן?!" הָאט עֶר זִיךְ אָנְגֶערוּפְן: **"מַיין מַאמֶע אִיז שׁוּלְדִיג אַז אִיךְ בִּין אוֹיסְגֶעוַואקְסְן אַ גַנָב, דֶערְפַאר הָאבּ אִיךְ גֶעוָואלְט אַז יֶעדֶער וָואס שְׁטֵייט דָא אַרוּם זָאל זִיךְ אָפְּלֶערְנֶען נִישְׁט נָאכְצוּמַאכְן אִיר וֶועג"**, אוּן עֶר הָאט דֶערְצֵיילְט: 'וֶוען אִיךְ בִּין גֶעוֶוען אַ קְלֵיין קִינְד פְלֶעג אִיךְ גַנְבְ'עֶנֶען פוּן מַיינֶע חֲבֵרִים אוּן שְׁכֵנִים, וֶוען מֶען אִיז גֶעקוּמֶען זָאגְן פַאר מַיין מַאמֶע אַז אִיךְ גַנְבְ'עֶ הָאט זִי מִיר גָארְנִישְׁט גֶעזָאגְט, זִי הָאט פַאר יֶעדְן גֶעזָאגְט: **"עֶס אִיז גָארְנִישְׁט, עֶר אִיז נָאר אַ קִינְד"**, בִּיז עֶס אִיז בַּיי מִיר גֶעוָוארְן אַ גֶעוואוֹינְהֵייט צוּ גַנְבְ'עֶנֶען; אֲפִילוּ אִיךְ בִּין שׁוֹין גֶעוָוארְן עֶלְטֶער אוּן אִיךְ הָאבּ שׁוֹין גֶעהַאט גֶענוּג גֶעלְט, זֶענֶען מַיינֶע הֶענְט גֶעבְּלִיבְּן צוּגֶעוואוֹינְט צוּ גַנְבְ'עֶנֶען. אוֹיבּ אַזוֹי, פַארְוָואס דַארְף זִי הָאבְּן אַן אוֹיעֶר אַז זִי הָאט זִיךְ קֵיינְמָאל נִישְׁט ווִיסְנְדִיג גֶעמַאכְט וֶוען זִי הָאט גֶעהֶערְט אַז אִיךְ גַנֶב'עֶ?!"

וֶוען דֶער קֶענִיג הָאט גֶעהֶערְט דִי וֶוערְטֶער פוּנֶעם גַנָב, הָאט עֶר גֶעזָאגְט: **"גֶעוֶוענְלִיךְ הֵייס אִיךְ מֶען זָאל הֶענְגֶען אַ גַנָב כְּדֵי מֶען זָאל זִיךְ אָפְּלֶערְנֶען נִישְׁט צוּ גַנְבְ'עֶנֶען, אָבֶּער אִין דֶעם פַאל, נָאכְן הֶערְן דִי וֶוערְטֶער פוּנֶעם גַנָב, הָאט זִיךְ שׁוֹין יֶעדֶער אוֹיסְגֶעלֶערְנְט ווִי מִיאוּס עֶס אִיז צוּ גַנְבְ'עֶנֶען, דֶערְפַאר דַארְף מֶען אִים שׁוֹין נִישְׁט הֶענְגֶען"**, אוּן מֶען הָאט אִים טַאקֶע בַּאפְרֵייט (דִי מַעֲשֶׂה וֶוערְט אַרָאפְּגֶעבְּרֶענְגְט אִין סֵפֶר חַסְדֵי אָבוֹת פֶּרֶק א, מִשְׁנָה יח, פוּן הֵיילִיגְן בֶּן אִישׁ חַי זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ).

## הַאלְטְן דִי זְמַנִים מִיט אַ פִּינְקְטְלִיכְקֵייט

מְחַנְּכִים דַארְפְן הַאלְטְן דִי זְמַנִים זֵייעֶר פִּינְקְטְלִיךְ. מֶען דַארְף ווִיסְן אַז אַרְבֶּעטְן מִיט קִינְדֶער אִיז נִישְׁט אַבִּי אַ פַּרְנָסָה, נָאר מֶען אַרְבֶּעט פַארְן אֵייבֶּערְשְׁטְן, מֶען זִיצְט מִיט נְשָׁמוֹת פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן; דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער כִּבְיָכוֹל גֶעפִינְט זִיךְ אִין כִּתָּה אוּן עֶר הֶערְט ווִי מֶען לֶערְנְט מִיט דִי קִינְדֶער.

אוֹיבּ מֶען קוּמְט אָן צוּ דִי קִינְדֶער נָאךְ פַאר דִי צַייט - קֶען מֶען הָאבְּן הַצְלָחָה, ווִידֶער אוֹיבּ מֶען קוּמְט אָן אֲפִילוּ נָאר מִיט אֵיין מִינוּט שְׁפֶּעטֶער פוּן דִי צַייט - ווִי אַזוֹי קֶען מֶען הָאבְּן הַצְלָחָה?!

מֶען מֵיינְט נִישְׁט דָא אַרוֹיסְצוּבְּרֶענְגֶען אַז מֶען זָאל גֵיין בָּארְן דִי אוֹיעֶרְן פוּן דִי קִינְדֶער וָואס קוּמֶען שְׁפֶּעט... וֶוען אַ קִינְד קוּמְט שְׁפֶּעט קֶען מֶען שְׁפֶּעטֶער אוֹיסְפְרֶעגְן דֶעם קִינְד: **"פַארְוָואס בִּיסְטוּ גֶעקוּמֶען שְׁפֶּעט"**. מֶען רֶעדְט דָא צוּ דִי מְחַנְּכִים זֵיי זָאלְן ווִיסְן אַז עֶס אִיז אַ גְרוֹיסֶע

אַחְרָיוּת צוּ זַיין צַייטְלִיךְ אוּן צוּ טוּן דִי אַרְבֶּעט וִוי עֶס דַארְף צוּ זַיין.

### אָנְפִילְן דֶעם גַאנְצְן פַּארְמִיטָאג מִיט לֶערְנֶען אוּן דַאוֶוענֶען

מְחַנְּכִים דַארְפְן זַיין זֵייעֶר פָארְזִיכְטִיג אָנְצוּפִילְן דֶעם גַאנְצְן פַּארְמִיטָאג מִיט לֶערְנֶען אוּן דַאוֶוענֶען. צוּפְרִי אִיז נִישְׁטָא קַיין צַייט פַאר לַאנְגֶע סְעוּדוֹת אוּן הַפְסָקוֹת.

אִינְדֶערְפְרִי דַארְף מֶען גֶעבְּן צוּ עֶסְן פַאר דִי קִינְדֶער פְרִישְׁטָאג וַוייל מֶען הָאט מוֹרָא אַז גֶעוִויסֶע קִינְדֶער הָאבְּן נָאכְנִישְׁט גֶעגֶעסְן אִינְדֶערְהֵיים, אָבֶּער מֶען קֶען יוֹצֵא זַיין פְרִישְׁטָאג מִיט עֶפֶּעס אַ קְלֵיינִיקֵייט, וִוי אַ טֶעלֶער סִירִיעֶל וְכַדוֹמֶה, אוּן בִּיז אַפָּאר מִינוּט דַארְפְן זֵיי אַרַיינְגֵיין אִין כִּתָּה אוּן אָנְהוֹיבְּן דֶעם פַּארְמִיטָאג מִיט דַאוֶוענֶען אוּן לֶערְנֶען.

עֶס אִיז אַ הֶפְקֵרוּת אַוֶועקְצוּגֶעבְּן אַ שָׁעָה צַייט פַאר פְרִישְׁטָאג, וַוייל נָאכְדֶעם אִיז שׁוֹין זֵייעֶר שְׁוֶוער אָנְצוּהֵייבְּן צוּ לֶערְנֶען מִיט דִי קִינְדֶער.

קִינְדֶער דַארְפְן לֶערְנֶען אוּן דַאוֶוענֶען דִי עֶרְשְׁטֶע פִיר שָׁעָה פוּן טָאג, פוּן נַיין אַזֵייגֶער בִּיז אֵיינְס אַזֵייגֶער, מִיט אֵיין קְלֵיינֶע הַפְסָקָה - וָואס מֶעג זַיין לֶענְגְסְטְנְס פוּן עֶלְף אַזֵייגֶער בִּיז פוּפְצֶן מִינוּט נָאךְ עֶלְף; לֶענְגֶער פוּן דֶעם אִיז נִישְׁט בַּארֶעכְטִיגְט.

נָאךְ אֵיינְס אַזֵייגֶער קֶען מֶען שׁוֹין מַאכְן אַ לֶענְגֶערֶע הַפְסָקָה בִּיז אַ שָׁעָה, אוּן שְׁפֶּעטֶער קֶען מֶען וַוייטֶער מַאכְן נָאךְ אַ הַפְסָקָה. אָבֶּער צוּפְרִי אִיז אַ צַייט וָואס מֶען דַארְף לֶערְנֶען אוּן דַאוֶוענֶען.

מֶען וֶוערְט נִישְׁט אַ גוּטֶער מְלַמֵּד, אַ גוּטֶע לֶערֶערִין, אָדֶער אַ גוּטֶער מְנַהֵל אוּן אַ גוּטֶע מְנַהֶלֶת - אוֹיבּ מֶען מַאכְט פַּארְמִיטָאג לַאנְגֶע הַפְסָקוֹת; פַּארְקֶערְט, דָאס צֶערוּדֶערְט דִי קִינְדֶער.

הֶעכְסְטְנְס זָאלְן דִי מְחַנְּכִים פוּן דִי קְלֵיינֶע קִינְדֶער צוּגֶעבְּן נָאךְ אַ הַפְסָקָה פוּן נָאךְ אַפָּאר מִינוּט, וַוייל עֶס אִיז שְׁוֶוער צוּ זִיצְן מִיט אַזֶעלְכֶע יוּנְגֶע קִינְדֶער אַזוֹי לַאנְג אוֹיף אֵיין פְּלַאץ, אָבֶּער עֶלְטֶערֶע קִינְדֶער (פוּן בְּעֶרֶךְ זִיבְּן יָאר אוּן הֶעכֶער) דַארְפְן נִישְׁט נָאךְ אַ הַפְסָקָה בִּיז אֵיינְס אַזֵייגֶער.

### וִוי אַזוֹי זָאל מֶען פַּארְגוּטִיגְן קִינְדֶער?

מֶען טָאר נִישְׁט מְבַטֵּל זַיין פוּנֶעם פַּארְמִיטָאג אֲפִילוּ אֵיין מִינוּט. אוֹיבּ מֶען וִויל פַּארְגוּטִיגְן דִי קִינְדֶער זָאל מֶען עֶס נִישְׁט טוּן פַּארְמִיטָאג מִיטְן אַרוֹיסְלָאזְן דִי קִינְדֶער אַפָּאר מִינוּט פַאר מִיטָאג.

אוֹיבּ דִי קִינְדֶער זֶענֶען זֵייעֶר וואוֹיל אוּן מֶען וִויל זֵיי פַּארְגוּטִיגְן, זָאל מֶען זִיךְ דוּרְכְשְׁמוּעֶסְן מִיטְן מְנַהֵל אוּן מְנַהֶלֶת אוּן זֶען אוֹיבּ מֶען קֶען אַרוֹיסְגֵיין מִיט דִי קִינְדֶער "נָאכְמִיטָאג" אִין גַאס. וִוינְטֶער קֶען מֶען זִיךְ גֵיין אַבִּיסְל גְלִיטְשְׁן אוֹיף דִי שְׁנֵיי, אוּן זוּמֶער קֶען מֶען גֵיין אַבִּיסְל שְׁפַּאצִירְן אִין דִי וֶועלְדֶער אוּן פֶעלְדֶער, אוּן בִּשְׁעַתְ'ן פַארְבְּרֶענְגֶען זָאל מֶען אַרַיינְלֵייגְן אִין דִי קִינְדֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער, דוּרְכְן רֶעדְן צוּ דִי קִינְדֶער פוּן נִפְלָאוֹת הַבּוֹרֵא וְכַדוֹמֶה. אָבֶּער סְתַּם לָאזְן קִינְדֶער שְׁפְּרִינְגֶען אוּן טַאנְצְן אִין כִּתָּה "פַּארְמִיטָאג" - אִיז נִישְׁט קַיין פַּארְגוּטִיגוּנְג.

### נִישְׁט אַרוֹיסְגֵיין פוּן כִּתָּה שְׁמוּעֶסְן

מְחַנְּכִים טָארְן נִישְׁט אַרוֹיסְגֵיין פוּן כִּתָּה אִינְמִיטְן סֵדֶר צוּ שְׁמוּעֶסְן מִיט אַ צְוֵוייטְן. דֶער הֵיילִיגֶער רַמְבַּ"ם שְׁרַייבְּט (פֶּרֶק ב' מֵהִלְכוֹת תַּלְמוּד תּוֹרָה, הֲלָכָה ד): "**מְלַמֵּד הַתִּינוֹקוֹת שֶׁהוּא מֵנִיחַ הַתִּינוֹקוֹת וְיוֹצֵא**", אַ מְלַמֵּד פוּן קִינְדֶער וָואס גֵייט אַרוֹיס פוּן כִּתָּה אוּן לָאזְט אִיבֶּער דִי קִינְדֶער, "**אוֹ שֶׁהוּא עוֹשֶׂה מְלָאכָה אַחֶרֶת עִמָּהֶן**", אָדֶער עֶר טוּט מִיט דִי קִינְדֶער אַנְדֶערֶע זַאכְן, "**אוֹ שֶׁהוּא מִתְרַשֵּׁל בְּלִמּוּדָן**", אָדֶער עֶר לֶערְנְט נִישְׁט מִיט זֵיי - אִיז עֶר אִינֶעם כְּלַל פוּן (יִרְמְיָה מח, י): "**אָרוּר עֹשֶׂה מְלֶאכֶת ה' רְמִיָּה**".

וֶוען אִיךְ בִּין גֶעוֶוען אַ מְלַמֵּד זֶענֶען מְלַמְּדִים גֶעקוּמֶען קְלַאפְּן אוֹיף מַיין טִיר, זֵיי הָאבְּן גֶעוָואלְט אִיךְ זָאל אַרוֹיסְקוּמֶען שְׁמוּעֶסְן מִיט זֵיי וֶוען אִיךְ הָאבּ גֶעהַאלְטְן אִינְמִיטְן לֶערְנֶען מִיט דִי קִינְדֶער, אָבֶּער אִיךְ בִּין קֵיינְמָאל נִישְׁט אַרוֹיס צוּ זֵיי.

וָואס אִיז דֶער פְּשַׁט פוּן אַרוֹיסְגֵיין פוּן כִּתָּה אִינְמִיטְן דִי צַייט וָואס מֶען דַארְף לֶערְנֶען מִיט דִי קִינְדֶער כְּדֵי צוּ שְׁמוּעֶסְן מִיט אַ צְוֵוייטְן אִיבֶּער וִוי אַזוֹי צוּ שַׁאפְן גֶעלְט צוּ קוֹיפְן אַ הוֹיז אוּן דָאס גְלַייכְן?! נָאכְדֶערְצוּ אוֹיבּ מֶען הֶערְט וִוי דִי קִינְדֶער וֶוערְן אַבִּיסְל לֶעבֶּעדִיג, עֶפְנְט מֶען אוֹיף דֶעם טִיר אוּן מֶען שְׁרֵייט: "**דֶּרֶךְ אֶרֶץ! דֶּרֶךְ אֶרֶץ!**" וָואס אִיז דָא דֶער פְּלַאן? וִוי לַאנְג זָאלְן דִי קִינְדֶער זִיךְ נִישְׁט רִירְן פוּן פְּלַאץ וַוייל זֵייעֶר מְלַמֵּד אָדֶער לֶערֶערִין שְׁטֵייט אִינְדְרוֹיסְן אוּן שְׁמוּעֶסְט מִיט אַ צְוֵוייטְן?!

### אַוֶועק לֵייגְן דֶעם טֶעלֶעפָאן

מְחַנְּכִים דַארְפְן אַוֶועקְלֵייגְן דֶעם טֶעלֶעפָאן אֵיידֶער זֵיי קוּמֶען אַרַיין אִין כִּתָּה, וַוייל אַ טֶעלֶעפָאן נֶעמְט אַוֶועק דֶעם קָאפּ פוּן טְרַאכְטְן פוּן דִי קִינְדֶער.

יֶעדֶער מְלַמֵּד דַארְף אִיבֶּערְגֶעבְּן אִין שְׁטוּבּ אַז אוֹיבּ עֶס וֶועט זִיךְ מַאכְן אַן עֶרְנְסְטֶע נוֹיטְפַאל, זָאל מֶען רוּפְן אִין אָפִיס אוּן דֶער מְנַהֵל וֶועט שׁוֹין אִיבֶּערְגֶעבְּן אַז מֶען דַארְף אַהֵיימְרוּפְן.

### אַ זְכִיָּה עוֹסֵק צוּ זַיין אִין הֵיילִיגֶע אַרְבֶּעט

מְחַנְּכִים דַארְפְן דַאנְקֶען אוּן לוֹיבְּן דֶעם הֵיילִיגְן בַּאשֶׁעפֶער פַאר דִי גְרוֹיסֶע חֲסָדִים וָואס עֶר טוּט מִיט זֵיי, אַז זֵיי הָאבְּן דִי זְכִיָּה עוֹסֵק צוּ זַיין אִין דִי הֵיילִיגֶע אַרְבֶּעט פוּן אַרַיינְלֵייגְן אִין קִינְדֶער דִי הֵיילִיגֶע אֱמוּנָה אִינֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן אִין צַדִיקִים; אוּן זִיכֶער מַאכְן אַז אַלֶע קִינְדֶער זָאלְן גוּט וִויסְן אוּן דֶערְהֶערְן אַז יֶעדֶער אֵיינֶער קֶען נָאךְ זַיין אַ צַדִיק אוּן דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַזוֹי וִוי דִי פְרִיעֶרְדִיגֶע צַדִיקִים.

עֶס אִיז טַאקֶע נִישְׁטָא נָאךְ אַזַא שְׁוֶוערֶע אַרְבֶּעט וִוי אַרְבֶּעטְן מִיט קִינְדֶער, אוּן עֶס קוּמְט נָאךְ צוּ אַז עֶס טוּט וֵויי אַז מֶען גֶעבְּט זִיךְ אַוֶועק פַאר מֶענְטְשְׁן, מֶען אַרְבֶּעט מִיט יֶענֶעמְ'ס קִינְדֶער אוּן דִי עֶלְטֶערְן קוּמֶען נָאר מִיט קְרִיטִיק אוּן טַעֲנוֹת. אָבֶּער אַז מֶען טְרַאכְט פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, מֶען טְרַאכְט: 'אִיךְ אַרְבֶּעט נִישְׁט פַאר קֵיינֶעם, אִיךְ בִּין בְּלוֹיז אַ שְׁלִיחַ פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן צוּ הֶעלְפְן אִידִישֶׁע קִינְדֶער', דֶעמָאלְט נֶעמְט מֶען דָאס נִישְׁט אַזוֹי צוּם הַארְצְן.

וואוֹיל אִיז דֶעם מֶענְטְשׁ וָואס אַרְבֶּעט מִיט קִינְדֶער וֶועט עֶפֶּעס בְּלַייבְּן פוּן דִי מוּטְשֶׁע אוּן עֶס וֶועט אַרוֹיסְקוּמֶען אַ כְּבוֹד שָׁמַיִם.

חִינוּךְ אָפְּטֵיילוּנְג
אוֹיף קוֹל בְּרֶסְלֶב

צו הערן אלע שיעורים אויף חינוך
פון דער ראש ישיבה שליט"א
**אויף קול ברסלב**
**דרוקט: 1-2-4-2**
- שמעו ותחי נפשכם -

## וָואס טוּט מֶען וֶוען אַ קִינְד קְרִיכְט נִישְׁט גֶעהֶערִיג?

שְׁאֵלָה:

לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

אוּנְזֶער טָאכְטֶער אִיז שׁוֹין אַ יָאר אוּן צְוֵויי חֲדָשִׁים, גֶעזוּנְט אוּן שְׁטַארְק בָּרוּךְ הַשֵּׁם, אָבֶער זִי קְרִיכְט נִישְׁט אוֹיף דִי הֶענְט אוּן פִּיס, זִי רוּקְט זִיךְ נָאר זִיצֶעדִיגֶערְהֵייט, אוּן זִי קֶען אוֹיךְ שְׁטֵיין אַלֵיין.

מֶענְטְשְׁן וָואס טוּעֶן אִינֶעם עִנְיָן פוּן דִי אַנְטְוִויקְלוּנְג פוּנֶעם קִינְד, הָאבְּן גֶעזָאגְט פַאר מַיין וַוייבּ אַז דָאס קְרִיכְן אוֹיף פִיר הֶעלְפְט פַאר דִי אַנְטְוִויקְלוּנְג פוּנֶעם מֹחַ, אוּן עֶס אִיז נִישְׁט רַאטְזַאם אַז אַ קִינְד זָאל אִיבֶּערְהִיפְּן דֶעם שְׁטַאפְּל אִין לֶעבְּן, פוּן קְרִיכְן אוֹיף דִי הֶענְט אוּן פִיס.

דִי שְׁאֵלָה אִיז אוֹיבּ מִיר זָאלְן נֶעמֶען דָאס קִינְד צוּ אַ פְּלַאץ וואו מֶען אַרְבֶּעט אוֹיף דִי סָארְט זַאכְן? וָואס וִוי פַארְשְׁטֶענְדְלִיךְ קָאסְט עֶס אוֹיךְ אַ שֵׁיינֶע סוּמֶע גֶעלְט, אָדֶער זָאלְן מִיר אִיר לָאזְן זִיךְ אַלֵיין אַנְטְוִויקְלֶען אוֹיף אִיר אֵייגֶענֶע וֶועג, אָן זִיךְ אַרַיינְמִישְׁן פוּן אִינְדְרוֹיסְן?

יְיַשֶׁר כֹּחַ

תְּשׁוּבָה:

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ה' פַּרְשַׁת וַיֵּרָא, י"ח מַר-חֶשְׁוָן, שְׁנַת תשפ"ד לִפְרָט קָטָן

לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

עֶס מַאכְט נִישְׁט אוֹיס אוֹיבּ אַ קְלֵיין קִינְד קְרִיכְט אוֹיף אַלֶע פִיר פִּיס אָדֶער עֶס רִיקְט זִיךְ פוּן אֵיין פְּלַאץ צוּם צְוֵוייטְן פְּלַאץ אַזוֹי זִיצֶעדִיג; עֶס זֶענֶען דָא קִינְדֶער וָואס קְרִיכְן, אוּן קִינְדֶער וָואס רִיקְן זִיךְ אַזוֹי וְכוּ', עֶס פֶּעלְט נִישְׁט אוֹיס צוּ טוּן דֶערְוֶועגְן, וַוייל דִי וָואס קְרִיכְן - זֶענֶען נִישְׁט מֶער אוֹיסְגֶעשַׁארְפְט וִוי דִי וָואס קְרִיכְן נִישְׁט.

אַז דוּ ווִילְסְט דַיין קִינְד זָאל אוֹיפְוַואקְסְן דָאס בֶּעסְטֶע אוּן שֶׁענְסְטֶע - זָאלְסְטוּ יֶעדְן אִינְדֶערְפְרִי בֶּעטְן פַאר דְרֵיי מִינוּט אוֹיפְן זֵייגֶער פַאר זֵיי, וֶועלְן זֵיי אוֹיפְוַואקְסְן גֶעזוּנְט אוּן עֶרְלִיךְ. אַזוֹי וִוי מִיר וֵוייסְן דִי מַעֲשֶׂה וָואס מוֹהֲרָא"שׁ הָאט אוּנְז אַזוֹיפִיל דֶערְצֵיילְט, וָואס חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה דֶערְצֵיילְן (תָּנָא דְבֵי אֵלִיָּהוּ רַבָּא, פֶּרֶק יח): "מַעֲשֶׂה בְּכֹהֵן אֶחָד שֶׁהָיָה יְרֵא שָׁמַיִם בַּסֵּתֶר, וְהָיוּ לוֹ עֲשָׂרָה בָּנִים מֵאִשָּׁה אַחַת, שִׁשָּׁה זְכָרִים וְאַרְבַּע נְקֵבוֹת", עֶס אִיז גֶעוֶוען אַ כֹּהֵן זֵייעֶר אַן עֶרְלִיכֶער אִיד וָואס הָאט גֶעהַאט צֶען קִינְדֶער - זֶעקְס זִין אוּן פִיר טֶעכְטֶער, "וּבְכָל יוֹם וָיוֹם הָיָה מִתְפַּלֵּל וּמִשְׁתַּטֵּחַ וּמִתְחַנֵּן וּמְבַקֵּשׁ רַחֲמִים וּמְלַחֵךְ בִּלְשׁוֹנוֹ עָפָר, כְּדֵי שֶׁלֹּא יֵצֵא אֶחָד מֵהֶן לִידֵי עֲבֵירָה וְלִידֵי דְּבַר מְכֹעָר", עֶר פְלֶעגְט זִיךְ יֶעדְן טָאג אַרָאפְּוַוארְפְן אוֹיף דֶער עֶרְד, וֵויינֶען אוּן בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז אַלֶע זַיינֶע קִינְדֶער זָאלְן זַיין עֶרְלִיכֶע אִידְן; "אָמְרוּ לֹא יָצְתָה אוֹתָהּ שָׁנָה וְלֹא שֵׁנִית וְלֹא שְׁלִישִׁית, עַד שֶׁבָּא עֶזְרָא וְהֶעֱלָה אֶת יִשְׂרָאֵל מִבָּבֶל, וְהֶעֱלָה אִתּוֹ כֹּהֵן עִמָּהֶם. לֹא נִכְנַס אוֹתוֹ כֹּהֵן לְבֵית עוֹלָמוֹ, עַד שֶׁרָאָה כֹּהֲנִים גְּדוֹלִים וּפִרְחֵי כְהוּנָּה מִבָּנָיו וּמִבְּנֵי בָנָיו עַד חֲמִשִּׁים שָׁנָה, וְאַחַר כָּךְ נִכְנַס אוֹתוֹ כֹּהֵן לְבֵית עוֹלָמוֹ", בִּיז עֶר הָאט זוֹכֶה גֶעוֶוען אַרוֹיף צוּ גֵיין קַיין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל מִיט אַלֶע זַיינֶע קִינְדֶער צוּזַאמֶען מִיט עֶזְרָא הַסּוֹפֵר, אוּן אַלֶע זַיינֶע קִינְדֶער זֶענֶען גֶעוָוארְן כֹּהֲנִים גְּדוֹלִים אִין בֵּית הַמִּקְדָּשׁ, אוּן דֶער כֹּהֵן הָאט זוֹכֶה גֶעוֶוען צוּ קִינְדֶער אוּן אֵיינִיקְלֶעךְ וָואס אַלֶע פוּן זֵיי הָאבְּן גֶעטוּן דִי עֲבוֹדָה אִינֶעם בֵּית הַמִּקְדָּשׁ; זֶעט מֶען פוּן דֶעם אַז תְּפִלָּה אִיז דִי עֵצָה זוֹכֶה זַיין צוּ עֶרְלִיכֶע קִינְדֶער.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

(קונטרס עצתו אמונה פרשת חיי שרה, שנת תשפ"ד)

## וָואס זֶענֶען דִי גְדָרִים פוּן אַכְטוּנְג גֶעבְּן אוֹיף בָּשָׂר וְחָלָב בַּיי קְלֵיינֶע קִינְדֶער?

שְׁאֵלָה:

לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

יְיַשֶׁר כֹּחַ פַארְן אוּנְז לִיכְטִיג מַאכְן דָאס לֶעבְּן. מִיר ווִילְן ווִיסְן אוֹיבּ מֶען דַארְף אוּן וויפִיל מֶען דַארְף, אוּן פוּן וֶועלְכֶע עֶלְטֶער מֶען דַארְף - וַוארְטְן צְווִישְׁן בָּשָׂר וְחָלָב בַּיי קְלֵיינֶע קִינְדֶער?

יְיַשֶׁר כֹּחַ

תְּשׁוּבָה:

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד' פַּרְשַׁת תּוֹלְדוֹת, ב' כִּסְלֵיו, שְׁנַת תשפ"ד לִפְרָט קָטָן

לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

דֶער עִיקָר דַארְפְן עֶלְטֶערְן זִיךְ פַארְלֵייגְן אוֹיף אֵיין זַאךְ, אוֹיף שִׂמְחָה, עֶס זָאל זַיין פְרֵיילִיךְ אִין שְׁטוּבּ; וַוייל נָאר אַזוֹי וֶועלְן דִי קִינְדֶער בְּלַייבְּן עֶרְלִיךְ.

עֶס מוּז זַיין פְרֵיילִיךְ אִין שְׁטוּבּ, אוּן פַארְשְׁטֵייט זִיךְ דָאס קֶען נָאר זַיין אַז עֶס אִיז דָא לִיבְשַׁאפְט; טַאטֶע מַאמֶע הָאבְּן זִיךְ לִיבּ, טַאטֶע מַאמֶע שֶׁעצְן זִיךְ, זֵיי זוּכְן דִי מַעֲלוֹת אֵיינֶער בַּיים צְוֵוייטְן; אַזוֹי וַואקְסְן דִי קִינְדֶער גֶעזוּנְט, אוּן חַס וְשָׁלוֹם נִישְׁט זַיין בְּכַעַס; נִישְׁט שְׁרֵייעֶן, נִישְׁט שְׁלָאגְן, נִישְׁט וַוארְפְן קַיין אֵימָה יְתֵירָה אִין שְׁטוּבּ. שְׁלֹמֹה הַמֶּלֶךְ, דֶער חָכָם מִכָּל אָדָם זָאגְט (מִשְׁלֵי יז, כה): "כַּעַס לְאָבִיו בֵּן כְּסִיל", אַז דֶער טַאטֶע רֶעגְט זִיךְ - וֶוערְן דִי קִינְדֶער נַארִישׁ; אוֹיף דֶעם זָאגְט דֶער רֶבִּי (סֵפֶר הַמִּדּוֹת אוֹת בָּנִים, סִימָן קז): "הַבָּנִים שׁוֹטִים, כְּשֶׁאֲבִיהֶם כַּעֲסָן", דִי קִינְדֶער וַואקְסְן נִישְׁט אוֹיף גֶעזוּנְט.

בַּיי גָאר קְלֵיינֶע קִינְדֶער, פוּן צְוֵויי יָאר אוּן דְרֵיי יָאר - וַוארְט מֶען נִישְׁט צְווִישְׁן פְלֵיישׁ אִין מִילְךְ. דָאס הֵייסְט, מֶען טָאר נִישְׁט גֶעבְּן אִינְאֵיינֶעם פְלֵיישׁ אוּן מִילְךְ, אָבֶער אֵיינְס נָאכְן צְוֵוייטְן - קֶען מֶען גֶעבְּן, אוּן פוּן דְרֵיי בִּיז פִינְף - וַוארְט מֶען אַבִּיסְל, אוּן נָאר נָאכְדֶעם גֶעבְּט מֶען, אוּן ווִי עֶלְטֶער מֶען וֶוערְט, מֶען אִיז שׁוֹין פִינְף יָאר אוּן הֶעכֶער - וַוארְט מֶען שׁוֹין אַ שָׁעָה, אוּן פוּן זִיבְּן אוּן הֶעכֶער - וַוארְט מֶען שׁוֹין זֶעקְס שָׁעָה.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

(קונטרס עצתו אמונה פרשת ויצא, שנת תשפ"ד)


צו באקומען וועכנטליך דעם גליון, ביטע שרייבט צו: chinuchgilyon@gmail.com



קול ברסלב

קול ברסלב - שיעורים; חיזוק יומי; ניגונים; מעשיות פון תפלה און נאך

212-444-9191 / 845-351-0910

ארץ ישראל 0797040066 / ענגלאנד 03303502361 / קאנאדא 4383008080

בעלגיע 3235003461 / ארגענטינע 11552354370

קוואל פון אמונה (פרויען) - שיעורים; מעשיות פון תפלה; רעספּיס; און נאך

845-351-9060 / 212-444-9169

ארץ ישראל 0797040069 / ענגלאנד 03303502363 /קאנאדא 438-320-9090

חיזוק יומי אימעיל chizikyomi@gmail.com/ טעלעפאן מעסידזשינג 347-630-2876